# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בהעלותך תשפ"ד שנה י | גליון מס' 538

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים איבער תפלה אין די וואכענדיגע פרשה

## א איד דארף קומען אין שול יעדן טאג

**"וָאֶתְּנָה אֶת הַלְוִיִּם נְתֻנִים לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּאֹהֶל מוֹעֵד וּלְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף בְּגֶשֶׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֹּדֶשׁ"** (ח יט)

דער פרעשבורגער מגיד **רבי שלמה זלמן אונסדארפער** האט גע'דרשנ'ט:

עס שטייט אין פסוק: "וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף בְּגֶשֶׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֹּדֶשׁ". עס קען זיין אז די תורה איז דא מרמז אז עס זאל נישט זיין "בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל" אזעלכע אידן וואס קומען "אֶל הַקֹּדֶשׁ" - אין שול נאר ווייל עס איז א "נֶגֶף" - ווען עס איז אן עת צרה און זיי קומען בעטן פאר זייער לעבן אדער ווייל זיי דארפן זאגן קדיש נאך זייערע נאנטע, נאר מען זאל אייביג קומען אין שול אריין, טאג טעגליך, צו אלע דריי תפילות.

'שפתי שלמה'

## דערמאנען דער נאמען פון א חולה ביים דאווענען

**"וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר אֵ-ל נָא רְפָא נָא לָהּ"** (יב יג)

ווען משה רבינו האט מתפלל געווען אויף מרים הנבואה האט ער געזאגט די ווערטער "רְפָא נָא לָהּ".

פון דעם לערנען חז"ל ארויס (ברכות לד א) אז ווען איינער בעט רחמים אויף א צווייטן דארף ער נישט דערמאנען זיין נאמען נאר ער קען בעטן בכללות.

דער מהרי"ל (הלכות שמחות א ווערט אראפגעברענגט אין 'מגן אברהם' קיט א) זאגט אז דאס איז נאר ווען דער וואס דאווענט שטייט נעבן אים אבער ווען ער דאווענט נישט פארענט פון אים - דארף ער יא דערמאנען זיין נאמען.

דער 'ערוך השלחן' (או"ח קיט א) איז מסביר די חילוק פארוואס דא דארף ער יא דערמאנען דעם נאמען און דא נישט ווייל די תפילה פון א איד דארף זיין קלאר. ווען א איד דאווענט נעבן איינעם איז עס קלאר אז ער דאווענט פאר אים אבער ווען יענער איז נישט דא, איז די תפילה נישט קלאר.

פון דער מהרי"ל (שם) איז משמע אז די תפילה פון משה אויף מרים איז געווען בפניה און וועגן דעם האט ער נישט געדארפט דערמאנען דער נאמען אבער אין שו"ת 'אפרקסתא דעניא' זאגט ער אז עס איז משמע פון די פוסקים אז עס איז נישט געווען בפניה ווייל איידער זי איז געשלאגן געווארן מיט צרעת זענען אהרן און מרים ארויס פון אוהל מועד ווי דער פסוק זאגט דארט (יב ה): "וַיִּקְרָא אַהֲרֹן וּמִרְיָם וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם".

**דער נצי"ב פון וואלאזשין** זאגט אז עס קען זיין אז אויך אויב די תפילה פון איז נישט געווען פאר מרים איז זיין תפילה גערעכענט ווי עס איז געווען פאר אים, ווייל די תפילה איז געווען נעבן אהרן און אהרן הכהן האט דאך יא געדאווענט אויף איר.

'מרומי שדה' ברכות לד א; שו"ת 'אפרקסתא דעניא' ח"א סי' כב

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## "פִּתְחוּ שְׁעָרִים" מיט אן עניית אמן

חז"ל זאגן אונז אן אז ווען מיר קוקן אויף א זאך זאל מען עס נישט אנקוקן אויבערפלעכליך, נאר מיט א דורכדרינגליכער בליק און ווי עס איז דער לשון החז"ל אין אבות (ד כ) איז אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו".

עס קען זיין אז די זעלבע קען מען אויך זאגן ווען עס קומט צו 'אמן'. דער 'אמן' איז א קליינער ווארט, עס פארמאגט בלויז דריי אותיות, עס קוקט אויס קליין, אבער עס איז זייער רייך.

מערערע מאל האבן מיר שוין דא ארויסגעברענגט איר רייכקייט און וואס מען קען קונה זיין מיט אן אמן אבער פון אלע ערטער לוינט זיך אראפצוברענגען די ווערטער פון דעם של"ה הק' (מסכת תמיד אות פ) וואו ער איז מאריך איבער די שבח פון אמן, פאלגענדע זענען זיינע ווערטער: "ומי שמכוון לכל ברכה וברכה היוצאת מפי המברך ועונה אמן בכוונה כדינו... משפיע שפע רב טוב לכל העולמות, הוא פותח המקור העליון מקור מים חיים, כמו שפותח המעיין להשקות לכל הצריכים השקאה".

דער של"ה הק' זאגט דא עדות ווי גרינג עס קומט אן צו עפענען די שערי שפע טובה און ברכה פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה, אז אלעס וואס עס פעלט זיך אויס פון אונז איז צו ענטפערן דעם קליינעם ווארט 'אמן' ווייל ער איז דער שליסל צו אלע טויערן פון שפע.

נאך אן ארט וואו מען זעט דאס ענין איז אין די ווערטער פון ישעיה הנביא (כד יח): "אֲרֻבּוֹת מִמָּרוֹם נִפְתָּחוּ". די ווערטער וואס דער נביא זאגט איז ראשי תיבות אמן און דא איז מרומז אז די ארובות עפענען זיך דורך די אמן..

דער זעלבער געדאנק קען מען אויך ארויסנעמען פון דער פסוק אין ישעיה (כו ב): 'פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים' אויף וועלכע חז"ל דרש'נען די דרש חכמים (שבת קיט ב) "אל תקרי 'שֹׁמֵר אֱמֻנִים' אלא שאומרים אמן".

דער פסוק ענדיגט זיך מיט די ווערטער "פִּתְחוּ שְׁעָרִים", עס געט ארויס די זעלבע כוונה אז די שערי ברכה ווערן געעפענט פאר ווער עס ענטפערט אמן.

דער געדאנק צו שרייבן דערוועגן און איבער די שפע וואס עס איז ממשיך איז נתעורר געווארן ביי מיר נאכ'ן זען וואס דער 'תפארת שלמה' אין די סדרה שרייבט בנוגע די טענה פון די מתאוננים. צו זיי זאגט משה רבנו (במדבר יא יב): "הֶאָנֹכִי הָרִיתִי אֵת כָּל הָעָם הַזֶּה אִם אָנֹכִי יְלִדְתִּיהוּ כִּי תֹאמַר אֵלַי שָׂאֵהוּ בְחֵיקֶךָ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבֹתָיו" לויט די פשוטע פשט מיינט דער "כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק" ווי א טאטע שלעפט זיין קליינער קינד אבער דער 'תפארת שלמה' טייטש עס אויס אז עס גייט ארויף אויף אמן און זאגט אז "כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק"מיינט אז דורך די אמן איז מען יונק שפע מלמעלה.

טייערע אידן! "פתחו שערים"! די שליסל צו די שערים פון שפע און ברכה סיי ברוחניות און סיי בגשמיות ליגט אין אונזערע הענט! אז מיר וועלן מקפיד זיין און ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין וועלן מיר עפענען די שערי שפע און עס וועט זיך גיסן אויף אונז שפע בלי די.

**מיט א קריאה פון "פתחו שערים"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — נאר ברכת ה' היא תעשיר —

נאך מיין חתונה ווען איך האב זיך איינגעהאנדלט א הויז האב איך מיטגעמאכט די אנגייענדע סתירה וואס אסאך אינגעלייט גיין אריבער אין די צייט. פון איין זייט האב איך געוואוסט אז איך וועל דארפן

טראכטנדיג דערוועגן האב איך זיך געכאפט ביים קאפ איין נקודה. די גאנצע צייט וואס איך האב געהאנדלט און גע'עסקנ'ט האב איך נאר געטראכט פון מיר און פון מיינע הצלחה'ס, עס איז מיר קיינמאל נישט איינגעפאלן אז איך דארף מתפלל זיין דערוועגן און דאנקען הקב"ה פאר די הצלחה.



ארויסנעמען א מארגעדזש אויף מיין דירה, איך האב אויסגעקוקט אויפ'ן טאג ווען איך וועל באקומען די מארגעדזש, אבער אין די טאג ווען איך האב עס באקומען האב איך נאר געווארט לויז צו ווערן פון איר.

אין יענער צייט בין איך געווען א יונגערמאן. אין שטוב איז שוין געווען פיר לעכטיגע קינדער און אויסער די מארגעדזש האב איך געהאט נאך הוצאות און עס האט שטארק געדרוקט און זוכנדיג נאך איינקונפטן האב איך געהאלטן אין איין טראכטן איבער נאך הכנסה'ס, וואס איך קען טון אין די זייטיגע צייטן, צווישן איין כולל און די אנדערע.

אין יענער צייט האב איך געוואוינט אין איינס פון די נייע בוי פראיעקטן, די גאנצע געגענט האט זיך געהאלטן אינמיטן אויסבויען, יעדן טאג האט מען פארקויפט פרישע דירה'ס און הייזער פאר די פרישע קליענטן.

איין טאג אהיימגייענדיג פון כולל בין איך אריבער די אפיסעס פון דעם פראיעקט און עס איז מיר בייגעפאלן א וואזשאנער געדאנק. מען בויט דאך א נייער פראיעקט און אזא פראיעקט דארף דאך קונים, אפשר קען איך זיין א שטיקל פארמיטלער, איך וועל זיין א מעקלער און פארדינען מעקלעריי געלט און אזוי ארום וועל איך קענען לייזן א שיינע מטבע.

מיט די פולער שטארקקייט בין איך אריין צו די אויפזעער פון די פראיעקט און פארגעלייגט פאר אים מיין געדאנק. ער האט זיך גלייך צוגעכאפט דערצו און מיר פארשפראכן אז ער וועט מיר געבן מעקלעריי געלט.

א גליקליכער בין איך אהיים פון די באגעגעניש. איך האב זיך געשפירט ווי כ'שוועב אין די הימלען. נאך יענעם טאג האב איך זיך גענומען צו די ארבעט און אנגעהויבן ארומרופן צו נאנטע און זיי פארגעשלאגן דעם פראיעקט.

עס איז געווען א גוטער פראדוקט, דער ציבור האט זיך צוגעכאפט דערצו, די קליענטן האבן אנגעהויבן קומען. איך האב זיך נישט געיאגט, ווען עס האט שוין געהאלטן ביי א לייטישער נומער האב איך זיך געווענדן צו די אפיסעס און געבעטן מיין מעקלעריי געלט, אבער דא האט מיר אפגעווארט א ביטערע אנטוישונג, דער זעלבער פריינטליכער דירעקטער איז מיטאמאל געווען אייז קאלט, ער האט גע'טענה'ט מיט מיר אז איך האב נישט קיין באוויז אז די אלע קליענטן זענען געקומען וועגן מיר, אפשר זענען זיי גאר געקומען וועגן אנדערע, וועגן די אגרעסיווע קאמפיין וואס די אפיס האט געמאכט.

איך בין געווארן זייער צוקלאפט פון דעם. איך האב אנגעהויבן ארומרופן צו די קליענטן און זיי געבעטן אז זיי זאלן קומען עדות זאגן אז אדאנק מיין הארעוואניע זיי זענען געקומען צוגיין צו די פראיעקט.

כמעט אלע האבן זיך אפגעשאקלט פון מיר, עס איז געווען בלויז געציילטע וואס האבן מסכים געווען צוקומען מיט מיר עדות זאגן. אויף א חלק פון זיי האבן זיי געהאט אויסריידן. ענדע איז געבליבן בלויז איינער וואס איז געגאנגען ביז'ן סוף און פון אים האב איך טאקע פארדינט א שיינע סומע געלט, וועלכע האט געקלעקט אויף צוקויפן נייע מעבל.

איך בין געווען זייער צובראכן פון די געשעענישן. ווען די זאכן האבן זיך גע'סעטעלט האב איך זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און געמאכט א חשבון הנפש ווי אזוי האט אזאנס געקענט פאסירן צו מיר.

טראכטנדיג דערוועגן האב איך זיך געכאפט ביים קאפ איין נקודה. די גאנצע צייט וואס איך האב געהאנדלט און גע'עסקנ'ט האב איך נאר געטראכט פון מיר און פון מיינע הצלחה'ס, עס איז מיר קיינמאל נישט איינגעפאלן אז איך דארף מתפלל זיין דערוועגן און דאנקען הקב"ה פאר די הצלחה.

אין יענער מינוט האב איך זיך געכאפט די נקודה. פון דאן האבן זיך זאכן געטוישט ביי מיר, איך האב זיך געלערנט דעם לקח און פארשטאנען אז א איד מעג נישט פארגעסן אז אלעס וואס ער טוט אין זיין לעבן ווערט געמאכט פון אויבן און דאס איז די שליסל צו זיין הצלחה.

'השגחה פרטית' אדר א' תשפ"ד

# דרך אמונים

## שיינע פניני הלכה פון די וואכענדיגע פרשה

# די דינים פון מפסיק זיין אינמיטן קריאת שמע וברכותיה

### דער דין פון 'עניית אמן' אויף א ברכה בין הפרקים

**אז איינער הערט א ברכה ווען ער האלט אינמיטן די ברכות פון קריאת שמע אדער ווען ער ליינט שמע, אויב ער שטייט צווישן די פרקי' שמע און די ברכה'ס [1] - זאל ער מפסיק זיין און נאכזאגן אמן [2]. עס איז דא וואס האלטן אז לגבי אמן איז דער דין פון בין הפרקים ווי ער איז עומד באמצע הפרק, אז ער ענטפערט נישט קיין אמן. אן אויסנאם וועט זיין אויב ער אויך דער וואס מאכט די ברכה האלט אינמיטן די ברכת פון קריאת שמע און ער הערט אז א צווייטער איז מסיים די זעלבע ברכה, דאן ענטפערט ער יא אמן נאך די ברכה[3]. אנדערע דיעות איז אז אויך אויף די ברכה זאל ער נישט נאכזאגן אמן [4].**

1. דער 'שלחן ערוך' (או"ח סו ה) רעכנט אויס די ערטער וואו עס הייסט "בין הפרקים": און זאגט ווי פאלגענד: "ואלו הן בין הפרקים: בין ברכה ראשונה לשנייה, בין שנייה ל'שמע', בין שמע ל'והיה אם שמוע', בין 'והיה אם שמוע' ל'ויאמר'".

2. דער 'פרי מגדים' (נא א"א ג), 'הגהות רעק"א' (סו ג), און די זעלבע פסקנ'ט אויך דער 'משנה ברורה' (נט יח; סו כג). אין שו"ת 'בניין עולם' (סי' ה) שרייבט ער אז מען מעג ענטפערן אמן אויך אויף די ברכה פון א קטן, אויב ער מאכט די ברכה, אבער אויב ער לערנט זיך נאר, קען ער נישט.

3. 'חיי אדם' (כ ד). אויך דער 'שו"ע הרב' (סו ה) שרייבט די זעלבע: "אז נאך אנדערע ברכות ענטפערט מען נישט אמן ביי קריאת שמע און די וברכותיה אויך נישט בין הפרקים", אבער לגבי די ברכה פון "יוצר המאורות" פסק'נט ער אז אויב מען האט געענדיגט פאר דער חזן האט געענדיגט זאל ער יא ענטפערן אמן.

4. דער 'כף החיים' (נט כו) שרייבט אז לויט'ן 'בית יוסף' (סו ד) אז אויך ווער עס שטייט נאך די ברכות פאר קריאת שמע זאל נישט ענטפערן אמן ווייל די ברכות ווערן געזאגט אויף קריאת שמע און מען זאל נישט מפסיק זיין אין איר אזוי ווי מען איז קיינמאל נישט מפסיק צווישן די ברכת המצוה ביז צו די קיום המצווה.

# אוצרות אמונים

## געקליבענע פנינים אויפ'ן סדר התפלה

### אין עוד מלבדו - דער רבוש"ע איז דער יחיד ומיוחד

**"כִּי כָּל אֱלֹהֵי הָעַמִּים אֱלִילִים וַה' שָׁמַיִם עָשָׂה"**

דער מדרש אין (בראשית רבה ג ח) זאגט אז וועגן דעם האט הקב"ה באשאפן די מלאכים אין די צווייטן טאג פון די בריאה, אז מען זאל נישט האבן קיין פתחון פה אז די מלאכים האבן צוגעהאלפן דעם בורא כל העולמים בויען די וועלט.

מיט דעם געדאנק טייטש דער אלשיך הק' אויס די פסוק, ער זאגט אז א ראיה אז "כִּי כָּל אֱלֹהֵי הָעַמִּים אֱלִילִים" איז פון "וַה' שָׁמַיִם עָשָׂה" וועלכע איז באשאפן געווארן אין די ערשטע טאג פון די בריאה, ווייל דאן איז דער רבוש"ע געווען אליין אויף די וועלט, די מלאכים זענען נאכנישט געווען.

פון דעם זעה איך אז אלעס אויף די וועלט - אפילו די מלאכים - זענען "אֱלִילִים" אז זיי זענען באשאפן געווארן צו באדינען הקב"ה.

### די צער קעגן די שמחה

**"כִּי כָּל אֱלֹהֵי הָעַמִּים אֱלִילִים וַה' שָׁמַיִם עשה; הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ"**

רש"י אין (ויקרא יט ג) טייטש דיווארט אלילים אז עס איז מלשון "אל". עס מיינט אז די כוחות זענען גארנישט ווערד, זיי האבן נישט קיין כח צו מאכן קיין שום זאך.

אן אנדערע מהלך האט אויף דעם האדמו"ר רבי מנחם מנדל חיים לנדא פון זאריצא. ער גיט צו פארשטיין אז "אלילים" איז מלשון קינה ווי מען זאגט ביי די קינות (יואל א ח): "אֱלִי כִּבְתוּלָה חֲגֻרַת שַׂק" און דארט איז רש"י מפרש (שם): אז "'אֱלִי' - איז א קינה און ער גיט צו פארשטיין די שייכות צווישן 'אלי' און 'קינה' ווייל די וואס ווענדן זיך צו די אלילים וועט זייער סוף זיין יגון מיט תוגה.

מיט דעם מהלך גיט צו פארשטיין דער רבי פון זאריצא די סמיכות הפסוקים: אז דער וואס פארלאזט זיך אויף די "אֱלֹהֵי הָעַמִּים" וועט זיין סוף זיין "אֱלִילִים" קלאג און געוויין. דאגעגן ווער עס גייט מיט הקב"ה וועט ענדע זיין "עֹז וְחֶדְוָה".

'עמק ברכה' בסידור 'צלותא דאברהם'

### "בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא"

עס איז ידוע די תקנת חכמים (מגלה ג ב) אז אין יעדע שטאט דארף זיין "עשרה בטלנים".

דער צדיק רבי צבי הירש הורביץ דער ממלא מקום פון דער בעל ה'הפלאה' אין די שטאט פראנקפורט שרייבט אז די תפקיד פון די עשרה בטלנים איז נישט נאר צו לערנען תורה מיט די שטאטסלייט נאר אויך צו ענטפערן אמן.

א רמז דערצו איז אז דער ווארט: "בטלן" באטרעפט כמנין 'אמן' ('לחמי תודה' תוכחה יום א' דסליחות).




### טייערער איד!

**זיי דו אויך פון די וואס קומען פרי אין שול אריין און ענטפערן אמן - מען קען זיך איינשרייבן צו זיין א 'גבאי אמן' ביי די מערכת פון 'נדרים פלוס'.**

ברכות השחר כהלכה: בקול, בכונה, בחברותא

# שערי ישועה

## די סגולה פון ענית אמן

עס איז געווען אין יאר זומער פון תשל"ט ווען די צאנזער חסידים זענען געווארן איפגעציטערט הערנדיג די ביטערע בשורה אז הרב אהרן ק. א חשובער יונגערמאן, א תלמיד חכם מופלג איז נפטר געווארן אויף א טראגישע וועג,ביי אן עקסידענט וועלכע האט פאסירט אין די געגענט פון יוניאן סיטי.

א שטוב מיט יונגע יתומים האט ר' אהרן איבערגעלאזט. די צער איז געווען אויסטערליש גרויס. הונדערטע צובראכענע אינגעלייט האבן באגלייט דעם חשובער נפטר און מיטגעטרויערט ביי די מסע הלויה מיט די טראגישע געשעעניש.

געציילטע טעג איז אריבער פון די טראגעדיע. די שאק איז נאך געווען גרויס ווען מיטאמאל האט מען געהערט איבער א פרישע געשעעניש. דאסמאל האט אויך באטראפן די חסידות א שווערע טראגעדיע און א טייערער איד מיט'ן נאמען רבי משה נחמיה איז אומגעקומען ביי א טראגעדיע.

אויך ער איז געווען ווי ר' אהרן א תלמיד חכם, א געווייקטער חסידישער איד און אויך די טראגעדיע האט פארקלעמט די הערצער פון די חסידים. יעדער האט געשפירט ביי זיך אז מען מאהנט עפעס פון הימל, אז יעדער זאל זיך מעורר זיין אין זיין וועג.

די אויגן זענען געווען געווענדן צום גרויסן רבי'ן דער בעל שפע חיים זי"ע אז ער זאל זאגן וואס מען זאל זיך פארבעסערן און אונטערנעמען אין די טעג.

דער רבי האט נישט גערעדט. עס איז געווען קענטליך אויף אים אז ער ווארט אז די שבעה טעג זאלן אריבערגיין. נאר ווען

## 'אמן' נעמט אראפ דער חרון אף

די שבעה טעג איז אריבער און עס אנגעקומען די קביעות'דיגע חומש רש"י שיעור וועלכע ווערט געגעבן דארנעשטאג טאג האט זיך דער עולם פארזאמלט אין שול ווארטנדיג צו הערן וואס דער רבי גייט זאגן.

מיט א שווער געמיט האט דער רבי אנגעהויבן די שיעור מיט'ן פסוק: "וַיַּרְא ה' וַיִּנְאָץ מִכַּעַס בָּנָיו וּבְנֹתָיו" און ווייטער ממשיך געווען איבערצוזאגן שטיקער פון די שירת האזינו (דברים לב יט): "וַיֹּאמֶר אַסְתִּירָה פָנַי מֵהֶם אֶרְאֶה מָה אַחֲרִיתָם כִּי דוֹר תַּהְפֻּכֹת הֵמָּה בָּנִים לֹא אֵמֻן בָּם" (שָׁם כ). דערביי האט ער אראפגעברענגט די ווערטער פון די ספרי (פסקא שכ) אויף דעם פסוק: "רבי דוסתאי בן יהודה אומר: אל תקרי 'לֹא אֵמֻן בָּם', אלא: 'לֹא אָמֵן בָּם' - אז זיי האבן נישט געוואלט ענטפערן אמן.

די ווערטער פון דעם רבי'ן זענען געווען געמאסטענע. עס האט אריינגעדרינגען אין די הערצער פון די חסידים.

אז מען קוקן וואס איז די ראשי תיבות פון די נעמען: 'אַהֲרֹן, מֹשֶׁה נְחֶמְיָה'; וועט מען זען אז עס איז 'אמן'. דאס איז א רמז אז פון הימל וויל מען אז מען זאל זיך שטארקן מיט'ן זאגן אמן און דאס וועט אראפנעמען די חרון אף וואס הערשט אויף אונז.

די ווערטער פון רבי'ן האט געמאכט א שטארקער רושם אויף אלעמען. מען האט זיך געשטארקט אין די נושא און פאר א לאנגער צייט האט זיך דערקענט די התעוררות אין די נושא ווען יעדער שטארקט זיך אין די נושא אויף וויפיל עס איז שייך.

'שירו למלך' עמ' 217; 'כתר מלוכה' עמ' שעב

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווערטער פון בעל הילולא



די אוהל הק' אויפ'ן ציון אין די שטאט ראדושיץ

## רבי ישכר בער מראדושיץ

### י"ח בסיוון תר"ג

דער צדיק רבי ישכר דב באראן, דער ראש השולשלת לבית ראדושיץ, איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ה צו זיין פאטער רבי יצחק אין די פוילישע שטאט ראדושיץ. שוין פון די פריע יונגע יארן האט מען דערקענט אויף אים אז ער וואקסט אויס א גרויסער צדיק. זיין התמדה איז געווען א שם דבר, פון די צופרי שעה'ן איז ער געזעסן און געלערנט תורה ברציפות ביז צו די שפעטע נאכט שעה'ן.

ער האט אויך זוכה געווען צו מסתופף זיין בצילם פון די גרויסע צדיקים פון יענעם דור. ער איז געווען ביים הייליגן צדיק רבי משה לייב סאסובער זי"ע, ביים הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, ביי דער 'איד הקדוש' פון פעשיסחא זי"ע און ביי דער הייליגער אוהב ישראל פון אפטא.

ווען זיין רבי דער אפטער רב איז נסתלק געווארן אין יאר תקפ"ה האט ער אנגעהויבן פירן די עדה הקדושה אין ראדושיץ. ער איז געווען באקאנט אלץ א בעל מופת, מען פלעגט אים רופן דער 'סבא קדישא' פון ראדושיץ.

זיין אייניקל רבי ראובן חיים טשערניכא שרייבט איבער זיין זיידע אין דעם ספר 'נפלאות הסבא קדישא'.

דער צדיק איז נפטר געווארן ערב שבת קודש פרשת בהעלותך י"ח סיון תר"ג. ער ליגט אין די שטאט ראדושיץ. נאך זיין פטירה פלעגן אסאך אידן קומען צופארן צו זיין הייליגער ציון הק' אגאנץ יאר און אויך ביים יארצייט.

## זיין זהירות אין הערן ברכת השחר

אין ספר 'נפלאות הסבא קדישא' [מהדורת ירושלים תשע"ח עמ' עה] ווערט געברענגט אז ער האט מהדר געווען צו הערן ברכת השחר פון אנדערע אז ער זאל קענען ענטפערן אויף איר אמן. אזוי אויך ווערט דארט געברענגט אז ער האט שטענדיג אנגעזאגט זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך אז זיי זאלן מאכן ברכות פאר אים, אז ער זאל קענען נאכזאגן אמן נאך איר.